בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

---

# פניני השבוע

## פרשת נח

**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# ברוכים הבאים בשם ה'

מיט גרויס פרייד האבן מיר ענטפאנגען די חשוב'ע קינדער לכבוד צום נייעם ווינטער זמן, אונזער ציהל אין די כיתה איז צום ערשט צו איבערגיין און חזר'ן די כללים פון ליינען און אזוי אויך צו ליינען פון סידור און תהלים און שפעטער וועלן מיר אויך ממשיך זיין מיט חומש, און אזוי האפן מיר ווייטער ממשיך צו זיין מיט די הייליגע ארבעט צו הייבן די קינדער מיט סייעתא דשמיא.

עס איז זייער וויכטיג פאר די הצלחה פון די קינדער די שיתוף פעולה מצד די עלטערן, אז במשך די וואך זאלן די עלטערן רעדן מיט די קינדער איבער די נושא און די וויכטיגקייט פון לימוד הקריאה, און ספעציעל אריינברענגען אין די קינדער א חשק און א שמחה אז די קינד זאל הנאה האבן צו ליינען און ארויפגיין מעלה מעלה.

מיר האפן אז חפץ ה' בידינו יצליח צו מחנך זיין די קינדער בדרכי התורה והיראה ע"ד רבותינו הק' תחת דגלו ונשיאותו פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

בכבוד רב

**הנהלת הת"ת**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

## די וואך האבן מיר געלערנט

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**קריאה:** מיר האבן איבער גע'חזר'ט מיט די קינדער נאכאמאל די כללי הקריאה.
מיר האבן געזאגט מיט די קינדער פון אינעווייניג "מודה אני"
ביז "המלמד תורה לעמו ישראל

**מושגים:** מיר האבן אויסגעלערנט פאר די קינדער די נעמען פון די טעג פון די וואך:
זונטיג, מאנטיג, דינסטיג, מיטוואך, דאנערשטיג, פרייטיג א.א.וו.

**שירים:** מיר האבן געזונגען מיט די קינדער "והאר עינינו בתורתיך".

א גוט שבת

המלמד

# אינהאלט פון די וואך

**<u>נח איש צדיק:</u>**

נח איז געווען א צדיק און א ערליכער מענטש אין זיינע דורות. נח האט געהאט דריי קינדער, שם חם און יפת.

דער אויבערשטער האט זאגט פאר נח אז ער זאל בויען א קאסטן, ווייל אלע מענטשן האבן געמאכט עבירות, און די עיקר פון די עבירות איז געווען די עבירה פון גזל אז האבן גע'גנב'עט איינער פונעם צווייטן.

דער אייבישטער האט אים געזאגט אז ער גייט מאכן א מבול אויף די וועלט, און נח האט געבויעט די תיבה הונדערט צוואנציג יאר, און אלע מענטשן האבן געלאכט פון אים, פון זיין תמימות, אבער זיי האבן נישט תשובה געטוהן, דעריבער האט נח געבויט די קאסטן אזויפיל צייט, ווייל דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף זיי און ער האט געוואלט אז די רשעים זאלן תשובה טוהן, אבער וויבאלד זיי האבן נישט תשובה געטוהן האט דער אויבערשטער געברענגט א מבול אויף די וועלט.

**<u>די קאסטן:</u>**

די קאסטן איז געווען דריי הונדערט אמה די לענג, פופציג אמה די ברייט, און דרייסיג אמה די הויעך, מיר האבן מסביר געווען וואס מיינט די לענג און וואס מיינט די ברייט און וואס מיינט די הויעך. אויך האט מען געמאכט פון אויבן די דאך נאר א אמה ברייט כדי די רעגן זאל אראפגיין.

די קאסטן איז געווען געבויעט פון דריי שטאק, די אונטערשטע שטאק איז געווען פאר די מיסט, די צווייטע איז געווען פאר די חיות, און די דריטע פאר נח מיט זיין משפחה.

אויך איז געווען אין די קאסטן עקסטערע צימערן, און א פענסטער כדי ס'זאל אריינקומען ליכטיגקייט, און ס'איז דא וואס זאגן אז ס'איז געווען א שיינע שטיין וואס האט באלויכטן, די תיבה איז געווען באשמירט מיט פעך פון אינעווייניג און פון אינדרויסן.

**<u>דער סדר פון די מבול:</u>**

חודש חשון האט זיך אנגעהויבן די מבול, נח איז אריין מיט זיין ווייב און די דריי קינדער און זייערע פרויען, און די דור המבול האבן געוואלט הרג'ענען נח און חרוב מאכן די קאסטן, און דער אייבישטער האט ארומגענומען די תיבה מיט לייבן און בערן און זיי האבן זיי נישט געקענט טשעפענען.

די לייב וואס איז געווען אין די קאסטן האט געביסן פאר נח ווייל ער האט איהם געשפעטיגט איהם צו געבן צו עסן.

עס איז אויך געווען אין די קאסטן א חיה וואס האט געהייסן זיקית און נח האט נישט געוואוסט וואס זי עסט, און נח האט געעפנט א רימון און עס איז אראפ געפאלן פון דעם א ווערים און זי האט עס געגעסן, אזוי האט נח געוואוסט וואספארא עסן איהר צו געבן צו עסן.

נאך פערציג טעג וואס איז געווען די מבול און ס'האט אלעס אפגעמעקט און אפגעווישט, איז געבליבן נאר נח אליין מיט זיינע קינדער אויף די וועלט.

נח האט געעפנט די פענסטער פון די קאסטן און האט ארויס געשיקט א טויבעלע צו זעהן אויב די ערד איז שוין טריקן און צי מ'קען ארויסגיין פון די קאסטן, אבער די טויבעלע האט זיך ארום געדרייט ארום די קאסטן און נאכדעם איז זי צוריק געקומען אין קאסטן מיט א בלעטעלע פון א זיתים בוים אין מויל, אזוי האט נח פארשטאנען אז די ערד איז נאך פול מיט וואסער און וועגן דעם איז די טויבעלע צוריק געקומען ווייל זי האט נישט געטראפן וואו צו זיין ווייל אלעס איז נאך פול מיט וואסער, נאך זיבן טעג האט נח ווייטער ארויס געשיקט די טויבעלע און זי איז נישט צוריק געקומען, האט נח פארשטאנען אז די ערד איז שוין טריקן און מ'קען שוין ארויסגיין.

נאך וואס דער באשעפער האט געזאגט פאר נח אז ער זאל ארויס גיין איז נח מיט זיינע קינדער ארויס געגאנגען פון די קאסטן, און זיי האבן גע'שחט'ן קרבנות צו דאנקען דעם באשעפער אז זיי זענען געבליבן לעבן, און דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אז ער וועט מער נישט ברענגען קיינמאל קיין מבול אויף די וועלט, נאר דער אייבישטער וועט ווייזן א קשת צו דערמאנען צו תשובה טוהן.

## <u>דור הפלגה</u>

די דור הפלגה האבן געוואלט בויען א גרויסע און א הויכע טורעם כדי צו אנקומען ביזן הימל צו דער אייבישטער און דער אייבישטער האט זיי פארמישט די שפראכן און זיי האבן נישט פארשטאנען איינער דעם צווייטן'ס שפראך און זיי האבן זיך גע'הרג'ט איינער דעם צווייטן.

# שאלות מיט תשובות

**א. וואס איז נח געווען?**

א גרויסער צדיק.

**ב. וויפיל קינדער האט נח געהאט?**

דריי קינדער, און זיי האבן געהייסן שם חם און יפת.

**ג. פארוואס האט דער אייבישטער געזאגט פאר נח ער זאל בויען א קאסטן?**

ווייל אלע מענטשן האבן געמאכט עבירות, און דער אייבישטער האט געוואלט ברענגען אויף זיי א מבול.

**ד. וויפיל צייט האט נח געבויט די קאסטן?**

הונדערט און צוואנציג יאר.

**ה. פארוואס אזויפיל צייט?**

ווייל דער אייבישטער האט געוואלט אז זיי זאלן תשובה טוהן.

**ו. וואס איז געווען די עיקר עבירה וואס וועגן דעם האט דער אייבישטער געברענגט די מבול?**

די עבירה פון גזל.

**ז. וויפיל שטאק האט די תיבה געהאט?**

דריי.

**ח. וואס איז געווען ביי די אונטערשטע שטאק?**

די מיסט.

**ט. וואס איז געווען ביי די צווייטע שטאק?**

די חיות.

**י. וואס איז געווען ביי די דריטע שטאק?**

נח מיט זיין משפחה.

**יא. וועלכע חודש האט זיך אנגעהויבן די מבול?**

חודש חשון.

**יב. וועלכע חיה האט געביסן פאר נח?**

ווייל ער האט אים געשפעטיגט צו געבן עסן.

**יג. פארוואס?**

די לייב האט אים געביסן.

**יד. ווי אזוי האט נח געוואוסט וואס עסט די זיקית?**

ס'איז אראפ געפאלן א ווערים פון א רימון און די חיה האט עס געגעסן.

**טו. ווי אזוי האט נח געוואוסט אז די מבול האט זיך געענדיגט?**

ער האט ארויס געשיקט א טויבעלע צו זעהן אויב די ערד איז שוין טריקן, און די טויבעלע איז צוריק געקומען מיט א בלעטעלע פון א זיתים בוים אין מויל, אזוי האט נח פארשטאנען אז די ערד איז נאך פול מיט וואסער, נאך זיבן טעג האט נח ווייטער ארויס געשיקט די טויבעלע און זי איז נישט צוריק געקומען, האט נח פארשטאנען אז די ערד איז שוין טריקן.

**טז. וואס האט נח געטוהן ווען ער איז ארויס פון די קאסטן?**

ער האט מקריב געווען קרבנות.

**יז. וואס האבן די דור הפלגה געוואלט?**

זיי האבן געוואלט אנקומען צו דער אייבישטער.

**יח. און וואס האבן זיי געמאכט?**

זיי האבן געבויט א טורעם כדי צו אנקומען צו דער אייבישטער.

**יט. וואס האט דער אייבישטער געמאכט?**

ער האט זיי פארמישט זייער שפראך און זיי האבן זיך גע'הרג'עט איינער דעם צווייטן.

# ניגון:

## וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ. וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ. וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

## בני ___________________ ני"ן

**סיפר פרשת השבוע:** ____________________

**שירים:** ____________________

**ברכת המזון:** ____________________

**התנהגות כללית:** ____________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________

**התפלל:** ____________________

**הערות:** ____________________

**חתימת ההורים** ____________________